# בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' חיי שרה | י"ט חשון | תשע"א | סוטה מ"א.


# באריכט:

## באזוכן ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג

נעכטן נאכט בשעת ווען דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וויליאמסבורג אויפצונעמען אנשי שלומינו, איז הרה"ג ר' מאיר גרינוואלד שליט"א דומ"ץ בקהל קהילת יעקב פאפא, בנו הגדול פון האדמו"ר מ'פאפא שליט"א, געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א, בעפאר די חתונה פון א קינד בשטומ"צ וואס קומט אי"ה פאהר די קומענדיגע וואך. ווי עס האט זיך פארמירט א שיינער שמועס בדברי תורה, און אזוי איבער דעם קשר פון רבותיה"ק זי"ע צו האדמורי"ם לבית פאפא און טעטש.

אויך איז געקומען הרה"צ ר' משה אהרן רייך שליט"א מ'פשעווארסק וועלכער ווילט אין ניו יארק אין די טעג, אויף א באזוך צום רבי'ן שליט"א ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינער שמועס בסיפורי צדיקים וחסידות.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול, ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אהרן דוד רובינשטיין הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענען זענען פאהרגעקומען די ברית'ן לבן הנולד לר' דוד יואל כהן הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, לבן הנולד להר"ר ארי' אשר אינדיג הי"ו ר"מ בישיבתיה"ק, און לבן הנולד לר' חיים הערש כהנא הי"ו פון קרית יואל.

## וויכטיגע מסיבת קבלת פנים היינט אין וויליאמסבורג

אין וויליאמסבורג אראנשירט היינט הרה"ח ר' בערל גראס הי"ו א וויכטיגער מסיבת קבלת פנים לכבוד א חשוב'ע גאסט מיקירי ירושלים הרה"ג ר' יושע אשר כהנא שליט"א רב קהל משכנות הרועים מרבני הכולל למצויינים ויואל משה, וועלכער איז אצינד צוגאסט דאהי פאר די חתונה פון א קינד בשטומ"צ.

די מסיבה קומט פאהר אין זיין שטוב אויף 100 ראסס סט. (בעדפארד גראדענס) 5-E פון 7:30 ביז 12:00 אויפדערנאכט.

## נייער בית הוראה דקהלתינו אין ירושלים עיה"ק

אין די טעג איז ב"ה פארטיג געווארן דער נייער חדר הוראה נעבן בית מדרשינו אין ירושלים ווי עס וועט אי"ה זיצן הגה"צ דער דיין שליט"א להורות את דבר ה' יעדן אינדערפרי און אויפדערנאכט.

•

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.